## דיינע אויגן

האָט ער איר געזאָגט:
דיינע אויגן זענען פּערל.
פּערל ליגן דאָך אין ים
און די כוואַליעס רוען נישט —
ווי קען איך זיכער זיין מיט דיר?

און זי האָט אים געענטפערט:
ווו די וואַסערן שוימען ווילדער
גלוסט פאַרמעסטן זיך דעם שווימער;
אויב דו ביסט אַזוי — טאָ קום!

האָט ער איר געזאָגט:
דיינע אויגן זענען קינדער,
שוואַרצע לאַכנדיקע קינדער;
דעם גאַנצן טאָג לויפן זיי
פון גאַס צו גאַס, און פון די גאַסן
אויף די ביימער — און פון די ביימער
טאַנצן זיי דער זון אַנטקעגן
און שפּעט ביי נאַכט ווייזען זיי:
דאָס טעלערל פון דער לבנה! —
ווי קען איך זיכער זיין מיט דיר?

און זי האָט אים געענטפערט:
ווער עס איז אַ גוטער טאַטע,
לאַכט ווען די קינדער לאַכן,
ווען זיי וויינען — וויינט ער מיט;
אויב דו ביסט אַזוי — טאָ קום!

האָט ער איר געזאָגט:
דיינע אויגן זענען לוחות,
שוואַרצער פייער אויף ווייסן פייער;
אפשר וועט אונדז אויסקומען
אין דעם מידבר לאַנג צו גיין
און עס וועלן זינד זיך טרעפן
און זיי וועלן צעבראָכן ווערן, —
ווי קען איך זיכער זיין מיט דיר?

און זי האָט אים געענטפערט:
ווען עס בריִען זיך די הענט אָפּ
מיט די פייערדיקע שטיינער
און לאָזן זיי אַראָפּ אויף דר'ערד,
וואַקסט פון רחמנות אויס אַ משה
צווישן הימלען און די בערג
און שרייט אַרויף: זײַ זיי מוחל!
און ברענגט צו טראָגן בייע לוחות;
אויב דו ביסט אַזוי — טאָ קום!